"Radomer - Kielcer Leben" 38 (378) „Należytość pocztową uiszczone ryczałtem" VIII-ער יאָהרגאַנג פּרייז [illegible] גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

הײנט 10 זײַט.

Radom, dnia 25 Września 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאג, ערב סוכות תרצ"ב

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרײַז:
אין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען
8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

**Lekarz - Dentysta**

# R. BANKIER-DEN

**POWRÓCIŁA**

przyjmuje od 10-1 i od 3-7.

מר יהושע שטיינמאַן

לרגלי נשיאו בתו מרת לאה עם ב"ג משה דוב שטיינמאַן

הננו מב־כ־ים בברכת מזל טוב ורוב נחת.

אברהם ברעסלויער ומ"ב.

טעאַטער
„ראַזמאַיטאַשטשי"

מאָנטאַג דעם 28|9 ערשטער טאָג חו"מ סכות

קומט פאַר
# א גרויסער קאָנצערט

פון די בעריהמטע און פּאָפּולערסטע זאַמלער און פערשפרייטער
פון יודישען פאָלקס - ליד

# זמרה זעליגפעלד און מ. קיפּניס

אין א גייעם און אינהאַלטרייכען פּראָגראַם.
ביים קלאַוויר איגנאַצי שטערלינג

בילעטען - פאַרפערקויף אין דער פירמע „פלוטאָס", זשעראָמסקי 29
און אין דער ציוג. אָרג. זשעראָמסקי 25.

**Dr. F. ŻABNER**

**przeprowadził się**

na ul. SIENKIEWICZA 4 (Marjacka)

odnawia przyjęcia od 1 paźd. 1931.

## בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט דאָס ג. פּובליקום פון ראַדאָם און אומ-

-געגענד דאָס-
דער בעריהמטער
# קירזשנער=וואַרשטאַט

פון חיים גאָלדשטיין עט זאָהן וואָלאָווא 23 האָט זיך

איבערגעטראַגען אויף דער לובלינער 25 אין הויף

פאַרטער נעבען דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

ס'ווערט אויסגעפיהרט אַלעראַרט קורזשנער-אַרבייט מענער און דאַמען

רעיעל און פינקטליך! —— קומט און איבערצייגט אייך!

מיט אַכטונג חיים גאָלדשטיין עט זאָהן.

הײנט — און — יעדען טאָג.

KINO **CZARY** KINO

## ענדליך פון הײנט אָן

געהט ביי אונז אין קינאָ דאָס לאַנג ערוואַרטעטע
יודישע מיסטעריעז בילד

# תקיעת=כף

**— ŚLUBOWANIE —**

דאָס וואונדערבארע שפּיעל פון די אַרטיסטען, דער אוי-
סערגעוועהנליכער אינהאַלט, די איינגענאַרטיגע יוד. מנהגים
האַלטען דעם עולם אין דער גרעסטער שפּאַנונג.

א ספּעציעל צוגעגרייטע

## יודישע מוזיק און כאָר.

הײנט — און — יעדען טאָג.

**Wszelkie pomiary**
oraz **wykonania planów**
przyjmuje geometra
**Z. Bankier**
ul. Piłsudskiego 3
w podwórzu.

**Absolwentka**
**Berlińskiego Konserwatorjum**
*M. Ratner-Bankier*
Udziela lekcji gry na fortepianie
**Radom, Piłsudskiego 3**
m. 10 w podwórzu.

# „אלע סקארישאווער „אביוואטע-לעס“ זענען באנדיטען“.

די טעג איז געקומען קיין סקארישעוו א געוויסער פילעווע, א אלטער פויער פון א דערבייאיגען דארף צו קויפען היי. ביים דינגען זיך וועגען פרייז האט ער זיך אויסגעדריקט אז „אלע סקארישאווער אביוואטעלעס זענען באנדיטען“, דערביי זענען געווען עטליכע יודען, וועלכע האבען איהם אנגעהויבען ציהען ביי דער צונג. דאן האט דער פויער דערצעהלט, אז ער האט אליין געזעהען מיט 10 יאהר צוריק ווי 5 סקארישאווער „אביוואטעלעס“ האבען דערשאסען א יודען אין וואלד צווישען ראדאם און דרילטש.

די יודען זענען באלד געלאפען נאך פאליציי און מען האט דעם פויער פערנומען אויפ'ן „פאסטערונעק“, וואו ער האט איבערגע'חזר'ט דעם פארפאל מיט אלע פרטים.

פאליציי האט די אלע אנגעוויזענע באנדיטען באלד ארעסטירט.

x.

## יודיש טעאטער אין ראדאם.

### דינה האלפערין און סעם בראנעצקי.

היינט פרייטאג, מארגען שבת-צונאכט און זונטאג טרעטען אויף אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי“ די בעגאבטע ארטיסטען דינה האלפערין און סעם בראניעצקי. הגם די דאזיגע ארטיסטען זענען ביי אונז א פנים-חדשות, מעג מען בריוח גדול זיך פערגינען צוגעהן זעהן זיי שפילען. דאס דאזיגע טאלאנטפולע פארל שפילט איבעראל מיט גרויס ערפאלג און ווערט אומעטום אויפגענומען מיט ענטוזיאזם.

צוזאמען מיט האלפערין, בראניעצקי שפיעלט-מיט א גוט-צוגעפאסטער אנסאמבל.

## בעריהמטע ארטיסטען שושנה און מאריס לאמפע.

אויף צוויי פארשטעלונגען קומען צו אונז די בעריהמטע ארטיסטען שושנה און מאריס לאמפע. ביידע האבען שוין געשפיעלט אין ראדאם און האבען זיך ביי דעם היגען טעאטער-עולם ערווארבען א גוטען נאמען.

לאמפע האט מיט זיין „טובית דער מילכיגער“ אזוי זיך בעריהמט אין ראדאם, אז נאך געדענקט מען איהם און דער היגער טעאטער-עולם פענקט פשוט אים צוזען. לאמפע איז א יונגער ארטיסט אבער מיט זיין בעגאבונג און קינסטלערישן טאלאנט זאגט ער צו צוזיין איינער פון די בעדייטענסטע און אנגעזעהענסטע ארטיסטען אויף דער יודישער ביהנע שוין היינט איז די טעאטער-קריטיק פיל מיט לויב געזאנגען און שבחים וועגען זיינע גלענצענדע ארטיסטישע פעהיגקייטען.

פרוי שושנה רעכענט זיך ביים היינטיגען טאג צווישען די אנגעזעהענסטע און פאפולערסטע ארטיסטען. איהרע לאנגיעהריגע ביהנע-לייסטונגען האבען צופערצייכענען א סך ערפאלגען און רוהם,

שושנה און לאמפע טרעטען אויף אין ראדאם מיט זייער געקליבענעם אנסאמבל גאר צוויי מאהל: שבת ביימאג, שמיני עצרת און שבת-צונאכט שמחת תורה.

## היתר - הוראה אין דער היגער ישיבה.

מאריגע וואך האבען 4 בחורים פון העכסטער מחלקה פון דער היגער ישיבה „תורת-חיים“ בעקומען פון ראדאמער ראבינאט ווי אויך פון ווארשאווער ראבינאט היתר-הוראה. די נעמען זענען: שמואל קערשבערג, ישראל ראזינשטיין, פון ראדאם, מיכל צוקער פון ליפסק און שלמה ווערמאן פון יעדלינסק.

די רבנים האבען זיך ווארים אויסגעדרוקט וועגען דעם הויכען גייסטיגען מצב פון דער ישיבה, בעווינדערענדיג די גרויסע בקיאות און חריפות פון די בחורים.





**Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.**

General. przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski

**DOM KOMISOWY M. CUKIERMAN KIELCE**

**ul. Sienkiewicza 29, Telefon 455.**


## הערליך יודיש בילד אין קינא „טשארי“.

אויף דעם יודישען יום-טוב סכות האט די דירעקציע פון קינא „נייער טשארי“ ארויסגעבראכט דאס פאפולערע יודישע בילד תקיעת כף.

אין דעם בילד נעמען אנטהייל די בעריהמטע יודישע ארטיסטען: אסתר רחל קאמינסקא, טורקאוו, אידא קאמינסקא, גאדיק א. אנד. דאס בילד ווערט געשפילט איבעראל מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

עס איז מעהר ווי זיכער, אז אויך אין ראדאם וועט דער קינא „טשארי“ יעדען אווענד בשעת דאס דעמאנסטרירען דאס בילד צאהלרייך בעזוכט ווערען פון יודישען פובליקום.

## קעלצער כראניק.

### א אקאדעמישער-קרייז.

לעצטענס איז אין קעלץ געשאפען געווארען א אידישער אקאדעמישער קרייז, צו וועלכען עס געהערען אלע יודישע אקאדעמיקער פון קעלץ.

### ערשטע פערזאמלונג פון „מושב זקנים“.

אין לאקאל פון דער קהלה קומט דעם ערשטען טאג חול-המועד קומט פאר די ערשטע אלגעמיינע פערזאמלונג פון אלע מיטגלידער פון „מושב-זקנים“. די פערזאמלונג איז זעהר א וויכטיגע

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דער פאמיליע ראבינאוויטש

צום טויט פון זייער ליעבען פאטער

# ר' לייבל ג"י.

שלום אייזענבערג

קעלץ

# קעלצער אָבטיילונג.

## דער וועלט = בעריהמטער פידעל= קינסטלער יהודה מנוחין שפּילט אויף א פידעל פון א קעלצער יוד.

מיט יאָהרען צוריק האָט אין קעלץ געוואוינט אַ יוד מיט'ן נאָמען יעקב צימערמאַן. ער איז געווען אַ פרומער יוד און געאַרבייט אין אַ בעקאַנטער היעגער פירמע אַלס בוכהאַלטער. די דאָזיגע פּראָפעסיע האָט אָבער צימער-מאַנ'ען נישט צופרידען געשטעלט. ער האָט גאָר געהאַט אַ נייגונג צו אַ אַנדער פאַך: אַליין אויסצואַרבייטען פיד-לען וואָס זאָלען קאָנקורירען מיט די בעסטע פון דעם מין.

פריינד און בעקאַנטע האָבען געקוקט אויף צימערמאַנ'ען, ווי אויף אַ אוואַנ-טוריסט און איהם גע'עצה'ט בעסער ווייטער צו פיהרען די האַנדעלס-ביכער אין דער פירמע.

דאָס עקשנות פון אַ טאַלאַנטפולען מענש, האָט אָבער ביי צימערמאַנ'ען גובר געווען. ער איז אַוועק קיין ווארשא און אָנגעהויבען אויסצואַרבייטען פידלען וואָס האָבען אינגיכען בעקומען אַ שם אַלס די בעסטע. פון דאַן אָן פּלעגען איהם בעזוכען די אָנגעזעהענסטע און פּאָפּולערסטע מוזיקער פון ווארשא, וועלכע האָבען אין דעם פרומען יוד פון קעלץ ענטדעקט אַ גרויסן טאַלאַנט.

לעצטענס האָט צימערמאַן געשיקט אַ פידעל קיין אַמעריקא צום בעקאַנטען יורישען יונגען וויאָלאָניסט יהודה מנוחין. פאַריגע וואָך האָט ער דער-האַלטען אַ ענטפער פון מנוחין, אַז ער איז ענטציקט פון דער פידעל, פון איהר טאָן און ווייכקייט און פון היינט אָן וועט ער שפּילען נאָר אויף די פידעל.

## אויסגעפיהרט א טויט = אורטייל.

מיט אַ צייט צוריק איז אין דאָרף וואָשניקי (קעלצער געגענד) אַויסגע-פיהרט געוואָרען אַ שרעקליכע רציחה: עס איז ערמאָרדעט געוואָרן צוליב רויב-צוועקען, אַ דאָרפישע פאַמיליע פון 3 פערזאָן. אָבער דער מערדער האָט זיך נישט מיט דעם בלויז בעגנוגענט. ער האָט אינטערגעצינדען דאָס הויז מיט די קערפּער'ס פון די ערמאָרדעטע.

נאָך אַ לענגערע אויספאָרשונג האָט די פּאָליציי פעסטגעשטעלט, אַז דער מערדער איז דער איינוואָהנער פון זעלבען דאָרף, קאַזימיעזש שפּיעג. דער מערדער איז תיכף אַרעסטירט געוואָ-רען און פאַריגע וואָך איז פאָרגע-קומען זיין פּראָצעס.

דאָס געריכט האָט פעראורטיילט דעם מערדער אויף טויט=שטראָף דורך הענגען. היות ווי דער מלוכות=פּרעזי-דענט האָט די בעגנעדיגונג'ס=ביטע אָב-געזאָגט איז גלייך אַרויסגערופען גע-וואָרען אין דער שוויענטאָ - קשיסקער תפיסה, וואו דער מערדער איז געזעסען דער תליון, וועלכער האָט דעם זעלבען טאָג אויסגעפיהרט דעם טויט-אורטייל.

■■■■

## סאַנאַציע=צוזאַמענפאַהר מיט'ן אַנ= טייל פון פּוילק. סלאָוועק.

פאַריגען פרייטאָג איז אין קיעלץ פאָרגעקומען אַ רעגיאָנאַלער צוזאַמענ-פאַהר פון די סאַנאַציע-טהוער אין קיעלצער וואָיעוואָודזטווע. אין צוזאַמענ-פאַהר האָבען אַנטייל גענומען: פּולקאָוו-ניק סלאָוועק, וואָיעוואָדע פּאַטשאַרקאָוו-סקי און אַ גרויסע צאָהל דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען פון „בעבע".

◎◎◎

## דאַנקזאַגונג.

דער ראַט און פערוואַלטונג פון דער **הויזווירטען - באַנק** אין קעלץ דריקט אויס איהר דאַנק: 1) דעם ג' פּרעזעס ה' **ראַטמאַן** וואָס האָט צוליב'ן הערשענדען קריזיס אַריינגעטראָגען אין דער באַנק 5000 זל. אָהן פּראָצענט, און 2) דעם ג' דירעקטאָר ה' **ח. י. אייזענבערג** פאַר זיין אונערמידליכע אַרבייט און פאַר זיין ענטזאָגען זיך פון האָנאָראַר פערבלייבענדיג בלויז אַלס עהרען-דירעקטאָר.

## חיים פייוועל'ס „גליק".

(פעליעטאָן)

אויב איהר מיינט, אַז אַלע קיעלצער יודישע טאַטעס איז שלעכט, טאָ האָט איהר, זייט מוחל אַ גרויסען טעות.

והא ראיה: חיים פייוועל שווינדעל-מאַן.

חיים פייוועל שווינדעלמאַן איז אַ יוד אַ הויכער און דאַר ווי אַ שטעקען, געהט איינגעבויגען. הוסט אונטער, האָט אַ דין נעזעל וואָס דער שפּיץ דערפון איז אַלעמאָהל רויט און צו די אַלע גלי-קען איז ער אַ בעוויבטער אין דער עיקר—א גרויסער קבצן.

האָט ער, דער דאָזיגער חיים פייוועל צוויי יונגעלעך, אמת'ע מזיקים. איהר געפונט זיי אונטער אַלע אויסמאָבילען איגטער אַלע דראָזשקעס און אויף אַלע דעכער. זיי זענען פשוט מיט'ן לעבען איינגעשטעלט.

אַז די צוויי מזיקים געפינען זיך אוי-פער די שוב מאַכען זיי אָן אַ אמת'ען חורבן. זיי ווארפען שטיינער, שפּילען פוסבאַל, שלאָגען זיך מיט שמעקעס הכלל מען האָט פון זיי צרות איבער צרות.

לעצטענס האָט חיים פייוועל בעשלאָ-סען צו שיקען זיינע בנים ז"ין אַ שולע אריין. האָט ער דאָך אָבער נישט אויף שכר-למוד, האָט ער דערחייל בע-שיקט דעם עלטערען און בעצאָהלט אַ פאָר זלאָטעס וויפיעל ער האָט פער-מאָגט.

אין הויז צווישען די שכנים איז איצט געוואָרען שטילער, רוהיגער. דאָס יונגערע מזיק'ל האָט איינער אַליין, נעביך, גאָרנישט געקאָנט טהוען.

ס'הייסט ארומגערודערט האָט ער ווייטער, אָבער נישט אַזוי פיעל ווי מיט יענעם.

די שכנים זענען געווען אַזוי צופרי-דען, אַז זיי האָבען שוין געוואָלט בע-צאָהלען שכר-למוד פאַר דעם יונגערען אויך אבי ער זאָל געהן אין אַ שולע.

אָבער אז עס איז בעשערט אַ אומגליק קומט עס אומגעריכט.

אַז דער עלטערער מזיק איז אָבגעזע-סען אַ וואָך אין שולע האָט מען זיך דאָרט אַרומגעזעהען, אַז אויב מען וועט איהם האַלטען לענגער וועט מען ברוי-כען צו שליסען די שולע.

ווארום דער מזיק האָט צעבראָכען אַלע בענק און טישען, אויסגעשמירט מיט קויל אַלע ווענד, זיך אַרומגעשלאָ-גען מיט אַלע איבעריגע קינדער, גע-מאַכט זיי לעכער אין די קעפּ, צעקראַצט די נעז. הקיצור, ער האָט געמאַכט אַ וויסטען תל פון די שולע.

איז געבליבען, אַז מען זאָל איהם אַהיימשיקען צום פאָטער. האָט דאָך אָבער די שולע אַרויסגעגעבען אַ קאָנ-טראַקט אויף אַ גאַנץ יאָהר; וועט דאָך חיים פייוועל שווינדעלמאַן איינקלאָגען די שולע פאַר'ן געריכט. איז געבליבען ביי די שול=דירעקציע, אַז מען זאָל איהם געבען אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס און ער זאָל זיך אַהיימנעמען דעם בנ'אָק.

און דער טאַטע איז געווען צופרידען: אַזאַ סומע געהט נישט צופיס היינטיגע צייטען.

איין עגמת-נפש האָט אָבער חיים פייוועל: ער האָט דאָך געקאָנט פערדי-נען נאָך אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס...

ווען ער וואָלט געהאַט דעם אַנדערען מזיק אויך אין דער שולע...

די שכנים אָבער לעבען ווידער איבער גרויסע צרות פון די חיים פייוועל'ס צוויי מזיקים.

קעלץ דאָלאַר.

# די איין - און - איינציגע בעשטעטיגטע דורכ'ן מיניסטעריום פאַר קולטור און קונסט.

# SZKOŁA MUZYCZNA w Radomiu, Zgodna 8 pod kier. P. GISSERA

מאַכט בעקאַנט, דאָס די ענזאַמענס און דאָס פערשרייבען זיך פון נייע שילער און שילערינס פון די קלאַסען:
פידעל, פאַרטעפּיאַן, וויאָלאָנטשעל א. א. האָבען זיך אָנגעהויבען און דויערן ווייטער יעדען טאָג פון 10—2 און 6—4
די שילער נעמען אַנטייל אין: שול - אָרקעסטער, קאַמעראַל-מוזיק, טעאָריע און סאָלפעדזש — אומזיסט. — דער פּראָגראַם איז שטרענג איינהייטליך
לויט'ן ווארשאווער רעגירונג'ס - קאָנסערוואַטאָריום. — די צייגנישען פון דער שולע זענען גילטיג אין אַלע העכערע מוזיק - שולען.
די לעקציעס קומען פאַר א גאַנצען טאָג. ——— ביי דער שולע איז פערהאַן א ספּעציעלע קלאַס פאַר אנפאַנגער.
פאַר זעהר בעגאַבטע און טאַלאַנטפולע, אָדער נישט-פערמעגליכע שילער — טיילווייזע הנחות.

## ZAWIADOMIENIE.

Niniejszem mam zaszczyt zawiadomić Sz. Rodziców iż z dniem 1-go Września 1931 r. otwieram

KOEDUKACYJNY

## ZAKŁAD FREBLOWSKI

## i PRZEDSZKOLE

**dla dzieci w odpowiadającym wieku.**

Doskonałe urządzenia techniczne, wzorowa opieka i rutynowane siły pedagogiczne będą dla Sz. Rodziców dostateczną rękojmią sumiennego wykonywania powierzonych mi zadań wychowawczych. Obok języka polskiego, jako wykładowego, będzie również w odpowiadającej mierze wykładany język hebrajski (w czytaniu, śpiewie i piśmie)

Informacyj udziela się w Kancelarji Zakładu, począwszy od dnia 26-go Sierpnia b. r. w godz. 11 — 2 przy ul. **Żeromskiego 12** w podwórzu, ostatnia sień).

Z poważaniem

*R. LANDAU.*

## Dr. Med. IGNACY LEWI

choroby wewnętrzne i dzieci

**ordyn. 9 – 10 rano i 5 – 7 p. p.**

**OKULISTA**

## Dr. A. ŁUCZNO-LEWI

**ordyn. 10 – 12 rano i 3 – 5 p. p.**

**przeprowadzili się**

na ulicę MONIUSZKI (*Kościelna*) **12**

—— Tel. Nr. 2498. ——

# GAZOWNIA

## MIEJSKA

פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען

**קעכלעך** גאַזאָווע איינס און צוויי פלאַמיגע

**קעכלעך** פאַמילינע און האָטעלאָווע

**אייוועלעך** צום באָדען

**אייוועלעך** צום בראָטען

**אייזענס** צום פרעסען פאַר פריוואַט און פאַר שניידער

**הייצערס** צו פריזירער רעדלעך

**„טערמאָ"** אַטאָמאַטישע אויף צו דערוואַרמען וואַסער פאַר דאָקטוירים, דענטיסטען, פריזירערס און ענהליכע פּראָפעסיעס.

אַלערליי גאַז - אַפּאַראַטען ווערען פערקויפט
——— אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ———

**די גאַזאָווניע פיהרט אויס שטוב - אינסטאַלאַציעס**

**אויף אויסצוצאָהלען אין 12 ראַטעס.**

די גאַז-אַפּאַראַטען קען מען בעקוקען אין די סקלאַדעס פון די גאַזאָווניע אויף מלאָדזשאַנאָוו פון 10 ביז 2 נ. מ.

אַלע אינפאָרמאַציעס ערטיילט די ביורא פון די גאַזאָווניע טעל. 134

# אכטונג עלטערן!

עס קומט יעצט א ניי שול - יאָר און דאריבער שטעלט זיך מן הסתם ביי אייך די פראגע וואָס צו טון מיט אייער זון, בכדי ער זאָל אויסוואקסן אויף א קולטורעלן בירגער און באוווסטזיניגען יוד. וואָס טוט מען? וווּ שיקט מען איםז געדענקט אַלזאָ, אַז

**די „שול-קולט" שולע** מיט רעגירונגס - רעכט איז די איינציקע נאציאָנאַל-וועלטליכע יוד. שולע אין ראדאָם.

**די „שול-קולט" שולע** קומט נישט יעצט מיט נייע הבטחות, ווי אנדערע. נאָר קומט שוין מיט מעשים! ס'איז אדורך א יאָר פון ארבעט, וועלכע האָט גלענצענדע רעזולטאטן געבראכט. די לעצטע קלאסיפיקאציע-עקזאמענס האָבן אימפּאָזאנט באוויזן איהר הויכע פעדאגאָגישע מדרגה פון דער לערע און רערציונג.

**די „שול-קולט" שולע** נעמט זייער ערנסט און געוויסענהאפט אירע דערציונגס - אויפגאבן, באמיענדיג זיך, אז דער יידישער פאָטער זאָל אין די היינטיקע שווערע צייטן כאָטש האָבן דעם פערגעניגן פון דער גייסטיקער ענטוויקלונג פון זיין קינד.

**די „שול-קולט" שולע** גיט אירע שילער א נאציאָנאל - וועלטליכע דערציונג אין פולסטן און ברייטסטן זין פון וואָרט. צוזאמען מיט די אלגעמיינע למודים וואָס זייער פּראָגראַם אנטשפּרעכט 4 קלאסן גימנאזיע ווערן אין דער ברייטסטער מאָס געלערנט די יודאַאיסטישע למורים, ווי העברעאיש, יידיש, תנ"ך, תלמוד, יוד. געשיכטע א.א.

**עלטערן!** אויב ס'איז אייך טייער דער גורל פון אייערע קינדער שרייבט זיי איין מיטן פולסטן צוטרוי אין דער „שול-קולט" שולע

מיט אכטונג

**עלטערן-קאמיטעט**

ביי דער **„שול - קולט שול"**

**בעמערקונג:** איינשרייבונגען פון געוועזענע און נייע שילער קומען פאָר פון 26-טן שערפּיען אין דער שול - קאנצעלאריע (וויטאָלדא 7) פון 11 ביז 1 נ. מ.




**די דאָזיגע חתימה גאַראַנטירט,**
אז דאָס פלאַנץ-פעטס „צערעס",
וואָס געפינט זיך אין פעסל, ווערט
אויסגעארבייט אונטער א שטרענגער
השגחה פון הרב פרענקעל פון סקאודינא
און עס קאָן מיט זיכערקייט אהן שום
חשש געברויכט ווערן צו די יום-טוב-
דיגע מאכלים דורך אלע, וועלכע היטן
אָפּ כשרות.

## צערעס שפּייז-פעטס,
## די ריכטיגע נור מיט'ן אויפשריפט
## „צערעס"

---

טעאטער „ראָזמאַיטאָשטשי" ראדאם.

דריי גאַסטראָלען פון די בעריסטע יודישע אַרטיסטען

## דינה האלפּעריז, סעם בראָנעצקי

היינט פרייטאָג דעם 25 און מאָרגען שבת דעם 26 ד.ח.

**דאָס פאַריזער וועשעז-מיידעל**

זונטאָג דעם 27 מוצאי יום-טוב

**די גרויסע ירושה.**

---

Niniejszym podajemy do wiadomości Sz. Rodziców, że z dniem **1-go Września 1931 r.** z a ł o ż y ł y ś m y

## Komplet Freblowski

który będzie prowadzony przez rutynowane siły fachowe **dla dzieci w wieku od lat 4 do 7**

Oprócz pogadanek, rytmiki, gimnastyki, tańców i zabaw będą udzielane **początki nauki, czytania i pisania** jak również na żądanie Sz. Rodziców języki obce (francuski i niemiecki)

**Cena dostępna**

Kancelarja przy ul. **Żeromskiego 49** przyjmuje zapisy od 10-ej rano do 2 p. p. i od 4 do 6 p.

**Z poważaniem**

*Zofja Tencerowa*
*i Eda Lastmanówna.*

---

**איז ראדאם**
נאָר 2 פאָרשטעלונגען
שבת דעם 3-טן ביי טאָג און ביינאכט
אין טעאטער „ראָזמאַיטאָשטשי".

פון די בעריסטע קינסטלער

## מאריס לאמפּע און ר. שושנה

אין לעצטן שלאַגער, וועלכער איז געשפּילט געוואָרן אין ווארשא. ווילנא 300 מאָל

## א הארץ וואס בענקט

לעבענס-בילד אין 3 אַקטען מיט געזאַנג פון א. לעש.

**איז קעלץ**
נאָר 1 פאָרשטעלונג
זונטאָג דעם 4-טן מוצי"ט
אין טעאטער „פּאַלסקי".

---

## ZAWIADOMIENIE.

Z dniem **1 września** b. r. rozpoczną się zajęcia w koncesjonowanem przez **Radę Szkolną**

## PRZEDSZKOLU

**E. FINKLERÓWNY**

przy ul. Rwańskiej 13, I p.

Zapisy odbywają się codzienie od godz. 4 — 7-ej p. p.

**Ceny przystępne.**

---

KONCESJONOWANE

## BIURO WINDYKACYJNE

**KIELCE, Starowarszawska 7.**

ערלעדיגט שנעל און פּינקטליך:
איינקאַסירונג פון פּראָטעסטען, קלאַוזולעס, געריכט'ס-
ווירקען, זאַבעזפּיעטשעניעס א. ד. ג.
ערשטקלאַסיגע ביורא-קרעפטען. ——— מינימאַלע פּראָוויזיע.

---

**7mio KLASISTA** udziela lekcyj w zakresie —5-ciu klas gimn.—

Wiadomość **Traugutta 50 (13) m 15.**

---

## 40% ביליגער!

די נייעסטע — פאַסאָנען **מעבעל** פון פאַלגענדע מאטעריאַלען:

וועגגערסקע יעשאָן, זלאָטאָ בושאָוע, פּיראמידען, זשעברא, מאָכאָן און יעשאָן.

——— אויף גוטע בעדינגונגען. ———

דאָס אלעס ווערט אויס-געפערטיגט ביי דער פירמע **קליין, זשעראָמסקי 26**

---

## דאנקזאגונג.

די פערוואַלטונג פון „בית-יתומים"
דריקט אויס א הערצליכען דאַנק
דעם ה' **יוסף סאַנדעל**
פאַר זיין שעהן דאַווענען אין די ימים נוראים אין דער שוהל פון „בית-יתומים".